קנקן

אינטערנאַציאָנאַלע סטאַנדאַרט סיריאַל נומער:
ISSN 2631-3502

יו"ל
**בעיר הבירה לונדון יצ"ו**
ע"י
**יוסף נחמיה הכהן קוואַדראַט**
עורך ראשי

מגיה כללי
**הרב יצחק בלוי שליט"א**



*טעלעפאָן:*
+1 929 46-46-46-5

*פאַקס:*
+1 646 931-1947

*אימעיל:*
info@kankanpublication.com

*אַדרעססא:*
34 Olinda Road
London
N16 6TL
United Kingdom



© 2018
אַלע רעכטן רעזערווירט



*הפצה ראשית באירופא:*
נא להתקשר עמנו ע"י אימעיל

שירה
**הפצת ספרי קודש**

*הפצה ראשית בארה"ב:*
**שירה**
**טעלעפאָן:** +1 718 871-8652


זכר ימות עולם · בינו שנות דור ודור

בעזרת ה' יתברך

קובץ

# קַנְקַן

· קן א ·

חודש תשרי
שנת קַנְקַן חָדָשׁ בְּהֵיכְלֵי מֶלֶךְ לפ"ק

קַנְקַן חָדָשׁ מָלֵא יָשָׁן
**אַ נייע אויסגאַבע פול מיט אַלטעס**
געאייגנט פאר יונג און אַלט

באַקענט אײַך מיט וואָס עס האָט נאָר אַ פאַרבינדונג
מיט אונזערע רייכע היסטאָרישע פאַרגאַנגענהייט

געשריבן, רעדאַגירט און אַרויסגעגעבן
דורך
**יוסף נחמי' הכהן קוואַדראַט**
מק"ק לונדון עיר המלוכה יצ"ו



## תִּסְתַּכֵּל בַּקַּנְקַן מַה שֶּׁיֵּשׁ בּוֹ

# אינהאַלט

### וואָס קענט איר ערוואַרטן פון די דאָזיגע 'קַנְקַן'

אינ'ם דאָזיגן אויסגאַבע, באַקענט איר זיך אַביסל מיט'ן אויסשטעל פון קַנְקַן. אָבער, עס איז נישט ממש גענוי ווי איר שטעלט זיך פאָר.

1. *קַנְקַן פאַרמאָגט - און מיר וועלן ווייטער פראָבירן אַזוי אָנצוהאַלטן דער סיסטעם, אַז עס זאָל פאַרמאָגן - רובריקן [קאַלומס] פון פאַרשידענע סאָרט לענג. פון קורץ, ביז צו לענגערע פאָרזעצונגען.*
2. *די רובריקן האָבן אַלגעמיינע נעמען, דאָך ווען מיר צומאָל טוישן די אינהאַלט. אַ שטייגער ווי דער 'פיוט' רובריק; דאָסמאָל איז עס אַן ערקלערונג פון אַ קורצע פיוט, קומענדיגע מאָל וועט עס אינגאַנצן אַנדערש אויסזעהן.*
3. *מיר פלאַנען בע"ה מיט די צייט צוצולייגן נייע רובריקן, אַזוי אויך פלאַנען מיר צו אַרומטוישן רובריקן. דאָס הייסט, אויב אַ רובריק וועט צומאָל פעהלן, באַדייט עס נישט אז מיר האָבן עס געשלאָסן.*

דער אַלגעמיינער אויסשטעל פון אַן אַרטיקל איז - ווי נאָר מעגליך - אָנצוהייבן מיט אַ מקור [אַריינגעשטעלט אין אַ מגילה], בדרך כלל אין לשון הקודש, צומאָל אין [אַלט] יודיש.

מיר באַטאָנען דא, אַז מען מוז איבערהויפט נישט ליינען דעם פאַראַגראַף, כדי צו פאַרשטיין דעם אַרטיקל, אַלעס ווערט קלאָר און פיל ברייטער ערקלערט אינעווייניג.

די אורזאַך דערפון איז דאָפעלט. איינס עס געבט צו צו דער אויטענטישקייט פונ'ם אַרטיקל. צוויי, אַז נאָכ'ן ליינען זאָל דער יונגער ליינער האָבן די מעגליכקייט צו זעהן וואָס ער האָט נאָרוואָס געליינט אין די לשון הקודש'דיגע שפראַך. דעריבער:

4. *הגם, וואָס אין אַלגעמיין איז קַנְקַן געשריבען און באַזירט אויף יודיש, דאָך האָמיר [דאָסמאָל] איין רובריק גענצליך אויף לשון הקודש [מיר גייען בע"ה צולייגן אין די צוקומפט נאָך איינס], צוגאָב צו אַ שיינע געשיכטע אויף לשון הקודש אין די כראָניק רובריק.*

קַנְקַן איז געווידמעט, צוצושטעלן און צו שטילן דאָס דאָרשט פון די היינטיגע גענעראַציאָן, וואָס לעכצט נאָך אינהאַלטסרייכע ידיעות אויף אַן אויסגעהאַלטענעם וועג. עס פאַרמאָגט מיינסטענס היסטאָריע, אָבער מיר זענען נישט באַגרעניצט בלויז דערצו, דאָסמאָל האָבן מיר אויך הלכה און פיוט. מיר האָפן, בע"ה, מיט די צייט צו פאַרברייטערן און פאַרגרעסערן אונזערע אויסגאַבע מיט נאָך אינטערעסאַנטע רובריקן.

כדי צו קענען שטילן אייערע דאָרשט, איז פאַר אונז נייטיג צו וויסן, וואָס גענוי איר ווילט. דעריבער בעהטן מיר פון אייך, האַלט אייך

ניסט צוריק, אויב ווילט איר וויסן עפעס מעהר איבער אַ יודישע היסטאָרישע קאַפּיטל, עס מוז נישט זיין בלויז היסטאָריע, ווילאַנג אַז איר האַלט אז קַנְקַן איז דער פּאַסיגע אָרט עס צו באהאנדלען, אדרבא, לאָזט אונז וויסן - מיר זענען דא פאַר אַייך.

איר פאַרשטייט אַליינס, אז מיר ווען נישט קענען נאָכגעבן ׳יעדער׳ פאַרלאַנג, דאָך וועלן מיר זיך פּראָבירן צוצושטעלן ווי ווייט מעגליך.

מיר באַגריסן הערצליך קאָמענטאַרן. אינהאַלטסרייכע בריוו מיט פולע נעמען, וועלן בע״ה געדרוקט ווערן. מיר וועלן פּראָבירן צו ענטפערן אייערע פראַגעס ווי ווייט מעגליך.

הגם מיר זענען באַזירט מעבר לים אין לאנדאן, אין די פאַראייניגטע קעניגרייך. דאָך האמיר אַייך צוגעשטעלט אַ וואויסמעיל און פעקס מיט אַ ניו יארקער געגנטקויד, ס׳זאָל אַייך זיין גרינגער און ביליגער זיך צו פארבינדן מיט אונז.

ווילט איר אונז שיקן בריוו דורך די פּאָסט, געדענקט אַז עס פארלאַנגט אַ פּאָסטמאַרק צו די פאַראייניגטע קעניגרייך - ענגלאַנד.

*מיר וואַרטן צו הערן פון אַייך*

**דער רעדאַקטאָר**


קַנֶּה יוֹנָ״ה
**9 פאָרוואָרט**
ווי אַזוי באַהאַנדלט מען ספיקות?

טאָגבוך
**13 דער קעניג אין שוהל**
און דער באַזוך פונ׳ם רב ביים גראָס-קאַנצלער פון פראַנקרייך

כראָניק
**21 רבי מרדכי יפה**
צמח דוד שנת שנ״ב

היסטאָריע
**31 לֵיבּלִי העלישוי פון פּראָסטיץ**
אַ מאָדנער משיח שקר אין די צייטן פון שבתי צבי שר״י

רייזעבאַריכט
**45 דער חיד״א באַזוכט דער לייב**
דער חיד״א קומט פאַר אַ באַזוך קיין לאָנדאָן, ענגלאַנד

שאלה
**57 אַן אַפּעל אין פּאַדאָווא**
מעג מען האַלטן אַ דרשה אינמיטן קריאת התורה?

פאָרשונג
**63 די היסטאָריע פון קבלת שבת**
די היסטאָריע ווי אַזוי עס האָט זיך אַנטוויקלט [ערשטע פאָרזעצונג]

הלכה
**71 ספק שהחיינו**
פאַרוואָס איז דאָס אום ראש השנה מער ספק ווי ביי אַן אַנדערע יום טוב?

פיוט
**79 וואָס ווילן מיר פון אַף־בְּרִי?**
לאמיר פארשטיין וואס מיר בעטן ביי גשם.

יחוס
**85 מגלת יוחסין למהר״ל מפּראָג**
המורחבת והמתוקנת [חלק א׳]